# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

פרשיות **בשלח - יתרו** תשפ״ב ◆ עלון מס׳: **81**

## דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### אני השם רופאיך

עס איז ליידער מצוי אז מענטשן זאלן זיך פארמעסטן מיט געזונטהייט פראבלעמען. עס איז דא די לייכטערע פראבלעמען ווי מילדע ווייטאגן און דאגעגן איז ליידער דא די שווערע קרענק.

ביי אלעמען איז די הוראה פון דער רבי אין חובת הלבבות גלייך. דער רבי זאגט פאר די אלע **וכאשר יבטח בבורא, ירפאהו מחליו בסיבה ובלתי סיבה, ואמר הכתוב [איוב ה׳] כי הוא יכאיב ויחבש, ימחץ וידיו תרפינה** - ווען א איד פארלאזט זיך אויפ׳ן בורא כל העולמים וועט ער אים אויסהיילן מיט א סיבה אדער אָן א סיבה אזוי ווי דער פסוק זאגט אז ער איז דער וואס מאכט קראנק און ברענגט אויף א מענטש די ווייטאג און ער איז דער היילער.

ווען א איד קוקט מיט א ריכטיגער בליק אויף די זאך ווייסט ער אז גארנישט געשעט נישט פון זיך אליין. דער ווייטאג איז נישט פערצופאל אנגעקומען צו אים. ער האט עס באקומען דורך דער 'הוא' און דער 'הוא' איז דער באשעפער, דער זעלבער 'הוא' וואס שטייט אין פסוק **כי 'הוא' הנותן לך כח לעשות חיל** און דער זעלבער פון דער פסוק **כי 'הוא' אמר ויהי.**

ווען אונז פארמעסטן זיך מיט די ווייטאג פאדערט זיך פון אונז אז מיר זאלן וויסן אז איינער האט עס געשיקט, עס איז נישט א צופאל. מיר דארפן טון השתדלות אבער אינאיינעם מיט די השתדלות טארן מיר נישט פארגעסן ווער עס האט עס אונז געשיקט.

ביים הייליגן נציב פון וואלאזשין האט זיך אמאל געמאכט אז ער האט זיך נישט געשפירט גוט. ווען די משפחה האט עס געזען האבן זיי געוואלט רופן א דאקטאר, אבער דער נצי״ב האט נישט געוואלט מען זאל אריבערופן א דאקטאר, נאר ווען דער מצב האט זיך פארערגערט האט ער מסכים געווען מען זאל רופן א דאקטאר.

דער דאקטאר איז געקומען צוגיין. ער האט אים אונטערזוכט און פארשריבן א רעצעפט. דער נצי״ב האט געבעטן אז ער וויל זען דער רעצעפט. ווען מען האט עס אים געוויזן האט ער עס צעריסן אויף שטיקער.

ווען די משפחה האט דאס דערזען האבן זיי אים אנגעקוקט מיט וואונדער. מען האט דאך שוין געברענגט א דאקטאר און זיך געלאזט קאסטן פאר אים געלט און דא צורייסט מען דער רעצעפט. זעענדיג זייער וואונדער האט ער זיי געגעבן צו פארשטיין אז כ׳האב געוואלט זעען דער רעצעפט אז איך זאל קענען זען וועלכער אבר איז נישט אין ארדענונג, אז מארגן ווען איך ליין קריאת שמע זאל איך קענען בעסער אינזינען האבן ביי יענער אבר.

דערביי האט דער נצי״ב נאכגעזאגט וואס דער בית יוסף זאגט אין טור אורח חיים סימן א׳ בשם דער מדרש הנעלם [זוהר רות צה] בשם רב נהוראי אין נאמען פון רבי נחמיה אז אין קריאת שמע איז דא רמ״ח ווערטער און די רמ״ח ווערטער איז קעגן די רמ״ח איברים פון דער מענטש און ווער עס לייענט קריאת שמע ווי עס דארף צו זיין היילט אויס זיינע אברים.

עס שטייט דארט אויך אז ווער עס לייענט קריאת שמע ווי עס דארף צו זיין איז פארזיכערט אז ער וועט נישט ניזוק ווערן אגאנצער טאג.

דער נצי״ב האט צוגעלייגט א מעשה וואס עס האט פאסירט ביי אים אין זיינע יונגע יארן. בשעתו האט ער געהערט ווי א יונגערמאן אין די פערציגער יארן באקלאגט זיך פאר׳ן רב פון שול אז ער ליידט אויף ווייטאג אין די רוקן. דער איד האט גערעדט צום רב פאר מעריב און דער רב האט אים געזאגט אז ער זאל צוריקקומען צו אים נאך מעריב, ווייל ביי מעריב וועט ער מתפלל זיין און שטארק אינזינען האבן ביי די ווערטער 'ותקננו בעצה טובה מלפניך' אז ער זאל טרעפן פאר אים אן עצה.

נאך מעריב גייט דער יונגערמאן צו צום רב און פרעגט אים צי ער האט שוין פאר אים אַן עצה.

דער רב זאגט אים אז יא! ווען מען האט זיך געשטעלט דאווענען שמונה עשרה האט ער זיך געזוימט א רגע און אים באטראכט וויאזוי ער שטעלט זיך. למעשה האט ער געזען אז ער בוקט זיך נישט איין ווי די הלכה פאדערט, ער געט א לייכטער בייג און מיט דעם איז ער יוצא.

"צי בוקסטו זיך אלעמאל אזוי?"

"יא", זאגט דער איד.

דער רב האט אים געעפענט א גמרא מסכתא ברכות [דף כח ע״ב] און געוויזן דער מימרא בשם רבי תנחום בשם רבי יהושע בן לוי אז ביים דאווענען דארף מען זיך בוקן ביז ווען עס ווערט מקויים ביי אים נתפקקו כל חוליות שבשדרה און ער בוקט זיך און שטעלט זיך איף בנחת, ווי ער בוקט זיך פאר א מלך, נישט שנעל, נאר געלאסן. די גמרא ווערט אראפגעברענגט אין שלחן ערוך און אזוי איז גע׳פסק׳נט להלכה אבער עס איז דא אויסנאַמען און דאס איז עלטערע אדער קראנקע.

דער רב דרייט זיך אויס צו דעם יונגערמאן און געבט אים א פרעג:

"צי ביסטו אלט? אדער קראנק?"

דער איד האט געענטפערט: ניין! און זיך מקבל געווען פון היינט צו בוקן ווי די הלכה פאדערט און ער איז געזונט געווארן, און ביי די ניינציג יאר האט ער זיך נאך געבוקט ווי א יונגער מענטש.

אין דעם קומענדיגן גליון וועלן מיר ארומרעדן בע״ה איבער די סגולה פון קריאת שמע ווי עס איז געווארן אויסגעשמועסט אין שיעור 104.

[ארויסגענומען פון שיעור 100-104 פון די סעריע פון 5 שיעורים בעניני רפואה]

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### 'דיסקרימינאציע' אין שטייער ביוראען

די רייעס אין דער סופערמארקעט שלענגעלען זיך.

מיט א זעלטענע איבערגעגעבנקייט פירט דער רעדזשיסטער ר׳ מאיר אריבער איין פראדוקט נאך די אנדערע. "דער סך הכל פון דעם חשבון איז 1300 שקל".

דער קויפער גלייבט נישט וואס ער הערט.

"אבער ווי אזוי קען עס זיין? ווייניגער ווי א חודש צוריק האב איך דא אין דעם געשעפט געמאכט גענוי די זעלבע ארדער און געצאלט פאר די זעלבע צאל פראדוקטן האלב געלט - פונקט האלב!".

ר׳ מאיר, וועלכער איז שוין באקאנט מיט די דאזיגע סיטואציע געבט אים צו פארשטיין.

"האסט נישט געהערט? די שטייער פאר די פלעסטיק געשיר איז געשטיגן מיט פופציג פראצענט".

דער קונה איז אויסערזיך פאר כעס.

"און פארוואס לאזט מען זיך? וואו זענען די עסקנים? פארוואס מאכט מען נישט קיין ויצעקו"? באקלאגענדיגערהייט, מיט א ביטערער געמיט פאקט ער איין די געקויפט סחורה אין די וועגעלע, ווען זיין מויל מורמעלט אן אויפהער קלאגעריי מיט טענה׳ריי קעגן די וועלט, און בעיקר קעגן די רעגירונגען און זייערע מיטארבעטער - די גראסערי לייט.

אבער דער געשעפט בלייבט נישט שטיין! די רייע רוקט זיך און אט איז אנגעקומען די רייע פון ר׳ מנחם.

געלאסענערהייט פאקט ר׳ מנחם אויס זיינע סחורה און לייגט עס אוועק אויפ׳ן רעדזשיסטער און ווען דער רעדזשיסטער ר׳ מאיר ווייזט אים דער סך הכל פון 1400 שקל נעמט ער עס אן גוטמוטיג און צופרידן.

"עס איז אסאך געלט, אבער מיר האבן א גרויסן טאטן אין הימל! ער שפייזט אונז! און וואס ער טוט מיט אונז איז לטובה"!

דער רעדזשיסטער ר׳ מאיר שמייכלט צוריק און האט פאר אים א שיינער דערהער.

"אשריך! דו האסט יעצט געגעבן 700 שקל פאר צדקה"!

"פאר צדקה? וואס רעדסטו"? "קום וועל כ׳דיר ווייזן".

פון אונטער די רעדזשיסטער ציט ער ארויס א מאירי אויף מסכת בבא בתרא דף ט׳ עמוד א׳ און ער מישט עס אויף און ער הייבט אן פארצולייענען.

ר׳ מאיר מאכט א קורצער הקדמה: "צי מיינסטו אז שטייערן איז א נייער זאך? אין אלע דורות האט די רעגירונג גענומען שטייער פון דער פאלק און קוק וואס דער הייליגער מאירי האט צו זאגן דערויף.

"זכה - אויב איז דער איד זוכה - חסרון ממונו הולך לעניים - גייט דער חסרון פון געלט דהיינו די געלט וואס מען האט צוגענומען פון אים פאר דער ארעמאן - לא זכה - אויב האט ער נישט זוכה געווען - אומות העולם באות ונוטלות בזרוע - קומען צו גיין די פעלקער און נעמען עס ארויס פון דיר מיט געוואלד - ויש מפרשים - און עס איז דא מפרשים וואס זאגן אז ווען ווערט די שטייער גערעכנט ווי צדקה? ווען מען איז מקבל אויף זיך דער גזר דין בשמחה, ווען מען איז מקבל אויף זיך דער עול הגלות און מען האט אינזינען אז עס איז לכבוד שמו יתברך".

ר׳ מאיר דרייט זיך אויס צום קונה: "יעצט פארשטייסטו שוין פון וואס כ׳רעדן? מיר צאלן סיי ווי שטייער. מען האט אלעמאל געצאלט. עס איז נישט אין אונזער הענט צי מען זאל צאלן צי נישט, אבער עס איז יא אין אונזערע הענט וויאזוי מיר זאלן עס מקבל זיין און אז מען איז עס מקבל באהבה און מיט א צופרידנקייט איז מען זוכה אז עס ווערט גערעכנט ווי צדקה"...

א גוט שבת, **פינחס שפר**

# ניסיך שבכל יום

## וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## וועץ נישט די 'ספרים'

**דא רעדט א איד פון ירושלים עיה"ק:**

איך וואוין אין ירושלים עיה"ק אבער פון צייט צו צייט קומט מיר אויס צו פארן קיין אשדוד אויף שבת. איך האב נישט קיין אייגענער קאר. ווען איך דארף פארן פאקן מיר איין אלע זאכן און אינאיינעם מיט די גאנצע משפחה זעצן מיר זיך ארויף אויפ'ן באס און מען פארט קיין אשדוד.

די רייזע מיט א שטוב פון קינדער איז נישט קיין גרינגע זאך. מען דארף האלטן קאפ אז די קינדער זאלן זיך נישט צולויפן ארום און ארום נאר בלייבן שטיין אויף איין ארט און ווען די באס קומט אָן זאלן זיי ארויפגיין אויף איר און באקומען א גוטן פלאץ.

אזויווארטנדיג יענעם פרייטאג קומט א איד צו מיר און ער פרעגט מיר צי איך פאר אפשר קיין אשדוד.

"יא, איך פאר".

"איז אפשר טוסטו מיר א טובה. איך האב דא עטליכע ספרים וואס דארף אנקומען צו מיין טאטע וואס וואוינט אין אשדוד. מיין טאטע מוז האבן די ספרים און כ'האב נישט קיין אנדערע שליח. איך בעט דיר נעם עס".

איך וואלט אים געטון די טובה בשמחה רבה אבער זעענדיג ווי ארום און ארום מיר טוט זיך און די קינדער גייען ארויס פון קאנטראל האב איך אים מרמז געווען אז ער וואלט מיר געטון א גרויסע טובה ווען ער טרעפט וועץ א צווייטער קליענט.

דער איד האט פארשטאנען דער רמז און זיך ארומגעדרייט ביי די באס סטאנציע אבער נאכדעם וואס ער האט נישט געטראפן א צווייטן ווייל קיין איינער איז נישט געפארן קיין אשדוד האט ער זיך צוריקגעקערט צו מיר און מיר געבעטן צי אפשר דאך קען איך אים טון די טובה.

איך האב עס געטון און געעפענט מיין רענצל און אריינגעלייגט די ספרים אין איר, און זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג.

איך קום אן קיין אשדוד און כ'זעה ווי דער איד (דער טאטע) ווארט מיר אפ. אין איילעניש האב איך ארויסגענומען דער רענצל פון די באס און כ'עפן עס אויף און עס ווערט מיר שווארץ פאר די אויגן. עס זעט טאקע אויס ווי מיין רענצל אבער עס איז נישט מיינער.

צו מיין מזל איז דער באס נאך געווען דארט. איך האב אים געבעטן ער זאל ווארטן א סעקונדע. איך האב צוריק ארויפגעלייגט דער רענצל אויפ'ן באס און אראפגענומען מיינער.

נאר נאכ'ן איבערגעגעבן די ספרים פאר'ן איד האב איך זיך געכאפט וואספארא טובה איך האב געהאט א דאנק די חסד. ווען נישט אים וואלט איך קיינמאל נישט געעפענט די רענצל ביים באס סטאפ, איך וואלט זיך דערוואוסט פון דער טעות נאר אנקומענדיג צו די אכסניא.

נאר א דאנק די טובה וואס כ'האב געטון פאר'ן איד האב איך זיך געשפארט א ים פון עגמת נפש.

איך האב געלערנט אויף מיינע אייגענע ביינער דער כלל אז וואס מען טוט פאר יענעם - טוט מען בעצם פאר זיך אליין...

## א קה אכסוף אינמיטן וואלד

עס דערציילט אַן אלטער קארלינער חסיד:

מיט יארן צוריק האב איך געדארפט ארויספארן קיין אויסלאנד. בימים ההם איז דער פרומער ציבור נישט געפארן אזויפיל און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז כ'בין געווען דער איינציגסטער איד אין דער פליגער.

אזוי פארנדיג האט דער פליגער אנגעהויבן צו מאכן קונצן און עס איז קלאר געווארן אז מען קען אזוי נישט פארן ווייטער. דער פילאט האט אויסגערופן אז מען גייט דא מאכן אן ערמעדזשענסי לאנדונג. מען האט געלאנדעט אויף א ליידיגע און א פוסטער פעלד זאגנדיג פאר די רייזענדער אז מען גייט דא בלייבן ביז ווען מען פאררעכט דער פראבלעם.

עס האט געדויערט א גוטע פאר שעה ביז ווען מען האט געקענט פאררעכטעטן דער פעלער און אין די שעות זענען די גוים געווען זייער לאנגווייליג. מען האט געזוכט וואס צו טון און אזוי אינדערצייט ווען איך זיץ זיך מיט מיין ספר און כ'כאפ אריין צו לערנען זענען זיי אויפגעקומען מיט א וועג ווי אזוי דורכצושטופן די צייט.

איינער פון די רייזענדער האט פארגעשלאגן אז יעדער זאל זינגען א ליד און אויסלערנען די אנדערע. פארשטייט זיך אז איך האב זיך אוועקגערוקט אין א זייט נישט וועלענדיג זיין א טייל פון די גרופע

## מעשה אבות סימן לבנים

דא רעדט א איד פון מודיעין עילית:

ווען איר הערט היינט צוטאגס אז כ'בין אַן איינוואוינער פון די שטאט מודיעין עילית הערט זיך עס נארמאל, א שטייגער ווי מען זאגט אז ער וואוינט אין יעדן צווייטן ישוב אין די וועלט, אבער אזוי ווי מיין געשיכטע האט צו טון מיט דער אויפבוי פון די שטאט, לאמיר ענק אביסל מיטטיילן מיט די פריערדיגע יארן.

מיין מעשה גייט צוריק מיט מער ווי צוואנציג יאר צוריק. בימים ההם בין איך א חתן געווארן מיט מיין חשוב'ע בני בית תחי'. עס האט זיך אזוי געפירט אז זי איז ליידער געווען א יתומה פון איר טאטע, אבער ביי די שידוך האט זיך עס נישט דערקענט.

אויף וויפיל איך האב פארשטאנען האבן ביידע זייטן אפגעמאכט אז מען גייט קויפן א דירה אין ירושלים עיה"ק וועלכער איז נאך בימים ההם געווען פיל ביליגער ווי עס איז היינט.

פון דער שידוך שליסן איז אריבער א היבשע פאר חדשים. אין שטוב האט מען זיך אנגעהויבן גרייטן אויף די חתונה ווען אין איין טאג קומט מיין שוועסטער צו מיר און זאגט מיר אז זי וויל רעדן מיט מיר איבער א נושא. זי האט דערציילט אז זי קומט בשליחות פון די כלה זייט און זיי האבן געבעטן אז אזוי ווי זיי גייען יעצט אריבער עקענאמישע שוועריגקייטן און מיין שוויגער מוז זיך ארויסציען פון איר דירה וואו זי וואוינט אויף שליסל געלט און גייט קויפן אן אייגענע דירה, זאל איך זיך רעכענען מיט זיי און מסכים זיין אז מען זאל קויפן א דירה אין די שטאט קרית ספר.

איך האב גלייך מסכים געווען. אין מיינע אויגן איז נישט געווען קיין אונטערשייד וואו כ'וועל וואוינען, און נאכדעם וואס איך האב געגעבן מיין הסכמה האט מען זיך גענומען צו טון למעשה און געקויפט א דירה אין קרית ספר.

עטליכע חדשים נאך די חתונה בין איך טאקע אריבער קיין קרית ספר. בשעתו האבן אלע געעפענט אויף מיר א פאר אויגן.

"וואס טוסטו? וועסט קיינמאל נישט טרעפן דארט קיין ארבעט? אויף יעדער ארבעט איז דא 200 קאנדידאטן? טוה נישט אזא נארישקייט".

איך האב אויסגעהערט יעדן איינעם און געענטפערט פאר יעדן איינעם גלייך אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט! און דער זעלבער באשעפער וואס איז דא אין ירושלים איז דא אין קרית ספר און כ'בין בכלל נישט באזארגט, איך בין זיכער אז עס וועט זיין גוט.

מיר האבן נאכנישט געענדיגט זיך איינארדענען אין די נייע דירה און דער טעלעפאן האט שוין געקלינגען. דער קלינגער האט גערעדט בשם א מוסד און געפרעגט פון מיין בני בית צי זי זוכט אפשר א קביעות'דיגע ארבעט דא אין די שטאט.

זי האט גלייך געזאגט אז יא און זי איז געווארן איינגעלאדענט אויף אן ארבעט'ס אינטערוויאו. ביי דער אינטערוויאו האט מען איר אויסגעפרעגט אלע נויטיגע שאלות און מען האט געמאלדן אז זי איז אנגענומען געווארן צו דער נייער ארבעט.

נאכ'ן באקומען די גוטע נייעס, האט מיין פרוי זיך נישט געקענט איינהאלטן און זיי געפרעגט פארוואס עפעס איז זיי איינגעפאלן איר צו רופן. זיי האבן דערציילט אז עס איז דא געווען מיט א וואך צוריק א גרויסע מנהלת און שמועסנדיג מיט איר אז מען גייט עפענען נייע קלאסן האט זי געזאגט אז זי האט דא א גוטע תלמידה וואס וואלט געפאסט צו זיין א לערער און ממליץ געווען אויף דיר.

פון דעמאלטס אן האט מיין פרוי דארט ארבעט און עס איז א קביעות'דיגע הכנסה און אויך אין די צייט ווען זיי האבן נישט געצאלט גוט האט זי באקומען קינדער געלט פון די רעגירונג, אזוי ארום אז עס איז געבליבן א הכנסה.

די מעשה האט אונז אויסגעלערנט אז פון מוותר זיין דערלייגט מען נישט אבער די מעשה האט נאך א המשך...

די יארן זענען געלאפן. מיט די יארן איז קרית ספר פארוואנדעלט געווארן אין אַן עיר ואם בישראל און ווען מיינע קינדער זענען אונטערגעוואקסן און מען האט געבראכן טעלער למזל טוב מיט מיין טאכטער תחי' איז אויפ'ן פרק ארויפגעקומען די נושא פון א דירה, איך האב זיך מתחייב געווען צו געבן געלט פאר מיין קינד אויף א דירה אין קרית ספר.

איך האב זיך אונטערגענומען, אבער אינעווייניג האב איך געוואוסט אז כ'קען נישט שטיין אין די קאסטן.

אין א טאג קומט דער פרישער חתן צו מיר און פרעגט מיר צי איך בין מסכים אז אנשטאט אז איך זאל אים קויפן א דירה אין קרית ספר זאל איך אים קויפן א דירה אין א נייער דעוועלעפמענט וואס בויט זיך? די פרייזן דארט זענען אסאך מער צוגענגליכער און אזוי ווי זיינע חברים גייען אהין וויל ער אויך אהינגיין.

איך האב זיך זייער געפריידט מיט די הצעה. די דירות דארט זענען היבש ביליגער אבער מער ווי אלעס האב איך געזען דער יד השם ווי אזוי יארן נאכדעם וואס איך האב מוותר געווען פאר א צווייטן באקום איך עס צוריק און עס קומט מיר אויך אויס צו צאלן וויניגער פאר א דירה.

## מיין ערשטע סטאנציע

איך האב א חבר וואס האט לעצטענס געהאט אן אויסטערלישע ישועה. זייענדיג באגייסטערט פון די ישועה וואס ער האט געהאט קלינגט ער מיר אָן און שלאגט מיר אז ער וויל מאכן א נסיעה קיין מקומות הק' אין אייראפע און דארטן דאנקען השי"ת אויף די גרויסע נס וואס ער האט געהאט.
"ווילסט מיטקומען?".
איך האב אנגענומען די איינלאדונג. זיין פלאן איז געווען צו פארן קיין קערעסטיר צום צדיק הרה"ק רבי ישעי'לע און פון דארט וועלן מיר ממשיך זיין ווייטער אין די וועג.
מען האט זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג. עס איז געווען אביסל א קאמפלעצירטע רייזע. מען האט געדארפט רייזן קיין טערקיי און פון טערקיי האט מען געדארפט פארן קיין וויען און פון וויען וועלן מיר צופארן צום ציון הק'.
נאכ'ן אנקומען קיין טערקיי האבן מיר זיך געגרייט צו פארן קיין וויען, אבער דא האבן מיר זיך אריינגעקנאקט מיט דער הלכה בידוע. דער באאמטער אין טערקיי האט זיך ארויפגעכאפט אויף די מציאה און אונז אנגעהויבן דרייען א קאפ מיט אלע סארט שאלות. אין די היינטיגע אומשטענדן איז זייער גרינג צו מאכן שוועריגקייטן און ער האט אונז אנגעהויבן חוקר ודורש צו זיין צי מיר האבן אלע פאפירן.
די אויספרעגעריי האט געדויערט אסאך צייט און ווען מיר זענען געווארן ביי אים כשר וישר האט ער ארויסגעשיקט אין וועג אבער ווען מיר זענען אנגעקומען פארסאפענדיג צו די פליגער איז שוין געווען צו שפעט, מיר האבן שוין געהאט פארשפעטיגט די פליגער.
מיין חבר האט זיך גלייך פארבינדן מיט'ן טרעוול אגענט און דערציילט וואס דא האט פאסירט. דער טרעוול אגענט האט צוריקגעקלינגען עטליכע מינוט שפעטער און דערציילט אז ער האט אונז ערלעדיגט א רייזע דורך פראנקפורט.
מיר האבן זיך געגרייט צו די צווייטע רייזע ווען איך געב א זאג פאר מיין חבר אז אויב מיר זענען שוין אין פראנקפורט אפשר כאפן מיר זיך אריבער קיין מיכלשטאט און באזוכן ביי דער קבר פון דער בעל שם טוב פון מיכלשטאט.
ווען מיין חבר האט דאס געהערט איז ער אויפגעשפרינגען פון פלאץ.
"אומגלויבליך! איך האב פשוט פארגעסן".
"פארגעסן פון וואס?".
"לאמיר דיר דערציילן". דער חבר הייבט אן צו דערציילן אז מיט א האלבער יאר צוריק איז ער געווען אויף א רייזע קיין מקומות הקדושים. ער איז געווען אויף אסאך פלעצער אין אייראפע און צווישן זיי אויך אין מיכלשטאט. זייענדיג דארט האט ער צוגעזאגט אז אויב וועט ער האבן א ישועה וועט ער אהערקומען די ערשטע קיין מיכלשטאט צו דאנקען.
"דער זאך איז מיר ארויסגעפלויגן פון קאפ. איך האב פארגעסן פון דעם אבער אין הימל האט מען נישט פארגעסן. מען האט אזוי געפירט אז איך זאל דערלייגן די פליגער אז איך זאל אנקומען די ערשטע זאך קיין מיכלשטאט צו קענען איינהאלטן מיין הבטחה".

## די בעסטע רפואה

א שטיק צייט צוריק איז מיר אויסגעקומען צו לייענען א שיינע מעשה. א איד דערציילט אז דער בוהושער רבי זי"ע האט אים אמאל געפרעגט וואס טוט א איד ווען זיין קינד פיבערט און עס איז שפעט ביינאכט, עס איז נישט דא וואו צו גיין?
"איך געב אים א בארואינגס מעדיצין אראפצוקלאפן די היץ".
"און ווען דאס העלפט נישט"? האט דער רבי נישט נאכגעלאזט.
"גייט מען אין שפיטאל".
זאגט אים דער רבי אז ער האט פאר אים א בעסערע עצה. מען גייט צו צום ספרים שראנק און מען נעמט ארויס א קדושת לוי און מען הייבט אן צו לערנען און בזכות די לימוד האט דער קינד א רפואה.
דערציילט דער יונגערמאן אז אין יענער וואך האט זיך געמאכט ביי אים אזא מעשה. זיין קינד האט אנגעהויבן צו פיבערן אז עס איז געווען ביטער. דער איד האט שוין געוואלט גיין אין שפיטאל אבער ער האט זיך דערמאנט פון די מעשה און האט געלערנט קדושת לוי און עס איז אים בעסער געווארן.
עד כאן המעשה...
איך האב געליינט די מעשה און האבנדיג אן ענליכע מעשה מיט א קליין קינד האב איך געוואלט גיין אין שפיטאל. איך האב זיך דערמאנט פון די מעשה און ווייל איך בין געבינדן צו די טשערנאבלער גזע האב איך געעפענט א מאור עינים.
עס האט זיך געעפענט ביי פרשת חיי שרה. דער צדיק רעדט דארט פון קרענק. ער זאגט אז ווען עס קומט א קרענק פאר א איד זאל ער נישט מיינען אז עס איז א צופאל ווייל יעדער קרענק קומט צו דערמאנען א מענטש אז ער זאל מהרהר זיין בתשובה און זיך מאכן א חשבון הנפש, ווייל יעדער אבר פון א מענטש איז מרומז קעגן א מצוה.
איך האב געפאלגט. איך האב זיך געמאכט א שטיקל חשבון הנפש און דער קינד האט זיך פארבעסערט אויף א שטוינענדע וועג.
א שטיק צייט איז אריבער און שבת ביינאכט האט זיך א קינד נישט גוט געשפירט. עס איז געווען א גרעסערע קינד. איך האב נאכאמאל גענוצט די זעלבע עצה. איך האב אויפגעמישט דער מאור עינים און עס האט זיך אויפגעמישט ביי פרשת דברים וואו ער רעדט ארום אז שבת איז משפיע רפואה, איך האב עס דורכגעלערנט און זיך מחזק געווען אז שבת היא מלזעוק ורפואה קרובה לבוא און וואונדערליך אז איך האב גלייך געזען א שינוי לטובה. ממש בדוק ומנוסה.

אבער ווען די שעות זענען געלאפן
און יעדער האט שוין געהאט געענדיגט
אויסזינגען זיין ניגון האט מען מיר
אנגעהויבן מוטשענען אז כ'זאל זינגען א ליד.
"איך קען נישט זינגען", האב איך געזאגט.
אבער נאכ'ן בעטן אזויפיל מאל האב איך זיי געגעבן
צו פארשטיין אז איך קען נישט זיצן אינאיינעם מיט די
רייזענדע אויסגעמישט מענער מיט פרויען אבער זיי האבן
פארגעשלאגן אז זיי קענען לעזן די נושא, מען וועט זיך אפטיילן
אין צוויי גרופעס, אז כ'זאל זינגען.
נו! קעגן אזא טענה האב איך שוין נישט געהאט וואס צו ענטפערן. טראכטנדיג אזוי וואס כ'קען זינגען האב איך געמאכט א חשבון אז כ'בין דאך א קארלינער חסיד! לאמיר זינגען קה אכסוף.
איך האב עס אנגעהויבן זינגען און ווען כ'ענדיג שטעלט זיך אויף א מענטש און בעט מיר צי איך קען עס איבערזינגען נאכאמאל. איך האב עס איבערגעזינגען איינמאל און נאכאמאל און מיטאמאל זעה איך ווי דער מענטש וואס בעט אז איך זאל עס זינגען הייבט זיך אן שאקלען און ער זינגט מיט.
איך קוק אים אזוי אן פארוואונדערט און ער זאגט מיר קוק מיר נישט אן אזוי! איך זעה נישט אויס ווי א איד אבער איך בין א איד! און כ'קום אויך פון א קארלינער שטוב.
דער איד איז געווען זייער גערירט און מיר געזאגט אז מיין זינגעריי האט אין אים דערוועקט א באהאלטענער פינטל איד! נאך יארן לאנג וואס ער האט שוין פארגעסן פון זיין אידישקייט.
עס איז שוין אריבער יארן פון די מעשה אבער אלעמאל וואונדער איך זיך צו מיר ווער ווייסט צי דער גאנצער לאנדונג האט נישט פאסירט וועגן דעם אז כ'זאל זיין דער שליח צו דערוועקן די נשמה פון א איד!

## דער פופציגער האט זיך געדאפעלט!

דא רעדט אלחנן שרייבער.
איך וויל ענק מיטטיילן מיט אַן עפיזאד וואס האט מיר באטראפן אין די לעצטע תקופה.
פון צייט צו צייט, וועל איך, ווי אלע מענטשן אריינקלינגען אין באנק און אויסהערן דער באלאנס. דער פארלאפענער פרייטאג האב איך אזוי געטון, איך קלינג אריין אויסצוהערן די באלאנס און כ'הער ווי איך בין רייכער געווארן מיט די סומע פון 500 שקל.
איינער האט דעפאזיטירט פאר מיר 500 שקל.
ווער איז דער איינער? איך האב זיך געוואונדערט, אבער נישט האבנדיג די מעגליכקייט צו דערגיין די זאך, האב איך זיך ארויסגעלאזט אין וועג אריין צו מיין כולל און אונטערוועגנס האב איך געדאנקט השי"ת פאר די שיינע מתנה וואס ער האט מיר אריינגעשיקט.
אנקומענדיג אין כולל זעה איך א יונגערמאן דרייט זיך ארום פאר'דאגה'ט.
וואו ליגן די חלות? פרעגט ער מיר.
ביי אונז אין כולל איז דא א מנהג אז איינער ברענגט אהער יעדער וואך חלות און פארקויפט עס פאר א ביליגע פרייז. דער איד לייגט אוועק די חלות אינדערפרי און כל הקודם זוכה! ווער עס קומט ערשט באקומט עס.
זעענדיג ווי ער זוכט זיי געב איך אים א זאג אז כ'מיין אז די חלות האבן זיך שוין געענדיגט.
"אוי ווי, וואס וועט זיין". קרעכצעט ער.
עס איז געווען קענטליך אויף אים אז ער געפינט זיך אין א שווערע פינאנציאלע צושטאנד און טראכטנדיג פון די 500 שקל וואס איך האב היינט אנטדעקט אין מיין באנק האב איך אים אנגעטראגן אז ער קען נעמען מיין קרעדיט קארטעל און זיך קויפן מיט דעם חלות.
דער געדאנק האט אים דערציטערט. ער וויל נישט נהנה זיין פון צדקה! עס קומט נישט אין באטראכט.
"עס איז נישט קיין צדקה! עס איז מיין מעשר געלט! נעם דיר פופציג שקל און קויף איין מיט דעם".
ער האט זיך געלאזט איבעררעדן און איז ארויס מיט דער קארטל אין די לאקאלע גראסערי און געקויפט חלות מיט נאך זאכן דערגרייכנדיג די סומע פון 50 שקל און נאכדעם האט ער מיר צוריקגעברענגט דער קארטעל און מיר עס אפגעגעבן.
ווען מיר האבן געענדיגט לערנען אור החיים הק' ווי עס איז דער סדר אין די פרייטאג כולל האב איך געלערנט קדושת לוי ווייל אין יענער טאג איז אויסגעפאלן זיין יארצייט. איך בליק אזוי אריין און אט זעה איך פאר מיר א טייער ווארט.
ער טייטשט 'הנסתרות להשם אלקינו' - די באהאלטענע זאכן זענען להשם אלקינו - דהיינו מען וועט עס זען לעתיד לבוא אבער והנגלות - די אפענע זאכן זענען לנו ולבנינו - זענען פאר יעצט ווען מיר זען און וועלן זען די השגחה פרטית אין די וועלט.
ווען דער כולל האט זיך געענדיגט בין איך ארויס אין גאס. איך גיי נאר ארויס קומט צו מיר צו א יונגערמאן און געט מיר הונדערט שקל.
"נעם פאר הוצאות שבת".
איך האב נישט געגלייבט וואס כ'זעה. פונקט היינט האב איך געגעבן פאר א איד פופציג שקל און דא געט מיר א איד א הונדערטער.
דאס איז א גילוי! לנו ולבנינו!

# צוהערער פרעגן
### שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

עס איז ביי אונז אן איינגעווארצלטער זאך אז ביי שידוכים איז אלעס פון הימל! מען זאגט אלעמאל נאך די ווערטער פון חז"ל אז פערציג טעג איידער דער מענטש קומט אראפ צו די וועלט רופט מען אויס אין הימל אז בן זוג פלוני לבת פלוני און פאר יעדן באשעפעניש אויף די וועלט איז דא זיין באשערטע. דאגעגן טרעפן מיר אבער אז א שידוך שטופט מען נישט אפ און מען מעג מאכן א שידוך אפילו אין תשעה באב און דער טעם איז 'שמא יקדמנו אחר' וויאזוי קענען די ביידע זאכן גייען צוזאמען?

שאלה נומער 33 — א.א. בית שמש

**און ווי אייביג זענען מיר מדגיש אז ווען עס קומט אויף למעשה דארף זיך יעדער מאכן זיין אייגענער 'עשה לך רב' און אנפרעגן ביי זיין מורה הוראה וואס איז זיין דעת תורה.**

די שאלה ווערט שוין געפרעגט אין די גמרא [מועד קטן דף יח] שמואל אמר שמותר לארס אשה בחול המועד משום שמא יקדמנו אחר. פרעגט דארט די גמרא צי האט דען שמואל אזוי געזאגט? מיר טרעפן דאך אז רב יהודה אמר שמואל האט געזאגט אז יעדן טאג גייט ארויס א בת קול און רופט אויס בת פלוני לפלוני? ענטפערט די גמרא אז איך בין חושש שמא יקדמנו אחר ברחמים און אין מסכת סוטה [ב] ענטפערט די גמרא אז דער כרוז איז נאר אויף די ערשטע זיווג.

אין די קומענדיגע שורות וועלן מיר ברענגען הסברים אין די ווערטער פון חז"ל:

### נישט אלעס 'פארשטייט' מען

**הרב מרדכי שלמה ברזל פון ביתר עילית:** אין ספר אתה עמדי [הודיה א' עמוד ריג] ברענגט דער מחבר אראפ בשמו פון הרה"ח הישיש ר' מרדכי צענווירטה שליט"א אז ביי זיי אין די משפחה איז געווען מקובל איש מפי איש ביז צום הייליגן בעל שם טוב הק' אז וואס חז"ל זאגן [יומא לח:] אין אדם נוגע במוכן לחבירו - גייט אויך ארויף אויף שידוכים! לויט דעם איז שווער די ווערטער פון חז"ל אז מ'מעג מאכן א שידוך תשעה באב ווייל כ'בין חושש שמא יקדמנו אחר? זאגט ער אז אמת עס איז שווער א קשיא און די ביידע שטימען נישט אינאיינעם, וועגן דעם דארף איך זיך פירן ווי חז"ל אז כ'זאל מאכן א שידוך תשעה באב, אבער מיט דעם אלעם זאל איך ווייטער גלייבן אז אין אדם נוגע במה שמוכן לחבירו.

### אינו מתקיים

**הרב יצחק סירוטה פון בית שמש, הרב דוב גאטליעב פון פתח תקוה:** אין ירושלמי ווערט געברענגט אז אויב מען דאווענט ערליך קען מען דורך די תפילה אמאל אויס'פועל'ן אז מען זאל טרעפן די זיווג, אבער עס איז נישט די זיווג וואס מען האט אויף איר אויסגערופן אין הימל אבער ווייל עס איז נישט דער ריכטיגער זיווג וועט עס נישט עולה יפה זיין. די מפרשים אויפ'ן ארט (ר"ן, ר"י מלוניל, נימוקי יוסף, פני משה, קרבן העדה) געבן צו פארשטיין אז אין אזא פאל וועט געשען איינע פון די פעלער אדער וועט איינער פון זיי שטארבן אדער וועלן זיי זיך אפ'גט'ן און ביים ענדע וועט מקויים ווערן דער כרוז אויף וואס מען האט אויסגערופן למעלה.

### השתדלות

**הרב אביגדור אהרנזאן פון בית שמש, הרב ישעיה חורש פון מודיעין עילית, הרב גמליאל הכהן רבינוביץ פון בני ברק:** ביידע ווערטער פון חז"ל זענען ריכטיג אבער חז"ל האבן אונז געוואלט אויסלערנען א יסוד אז אזוי ווי השי"ת האט באשאפן די וועלט אז עס זאל זיך פירן בדרך הטבע ליגט אויף אונז א פליכט זיך צו פירן בדרך הטבע דהיינו אז ווען מען שלאגט אונז פאָר א שידוך - אפילו אין תשעה באב - זאלן מיר עס מאכן און נישט אפלייגן ווייל דאס איז אונזער השתדלות. **מער פון דעם לייגט צו הרב אהרן בייפוס מרכסים** אז אזוי איז אויך מקובל פון דער סטייפלער גאון זצ"ל, אז א מענטש קען נאך דערלייגן וואס עס איז אים אנגעשריבן פון אויבן און וועגן דעם זאל ער זיך אונטעריאגן מיט זיין שידוך.

### ביאורים אין די ווערטער פון חז"ל

**הרב שלמה הלוי גליק פון ירושלים:** דער זוה"ק [ח"א צא.] דערמאנט שוין די שאלה, ער זאגט אז עס איז נישט אזא זאך אז מען קען איינעם אויסכאפן אבער מיר זעען דאך אז חז"ל זענען חושש שמא יקדמנו האט ער אויף דעם א הסבר על פי סוד.

**הרב נחמן גאלדבערג פון ירושלים, הרב אברהם שטערנבערג פון חיפה:** מיר זעען אז תפילה העלפט און פועל'ט אז מען זאל משנה זיין דער זיווג. מען זעט עס ביי לאה. אין די תורה שטייט ועיני לאה רכות ווייל זי האט געוויינט און מיט אירע טרערן האט זי אויסגע'פועל'ט אז איר זיווג זאל זיך טוישן. **לייגט צו דערויף הרב יהודה געווירצמאן פון בית שמש** אז די כח פון תפילה איז זייער גרויס און וועגן דעם זאל א איד מתפלל זיין אז אלעס זאל גיין כשורה און אזוי ארום וועט ער זיך פארמיידן אסאך עגמת נפש.

**הרב יהודה דשן פון תל ציון:** בשם דער אריה"ק ווערט געברענגט אז אין די היינטיגע דורות איז נישט דא קיין נייע נשמות, אלע נשמות זענען גילגולים און ביי א צווייטער גילגול איז נישט דא דער כרוז מלמעלה און וועגן דעם איז יא שייך שמא יקדמנו.

**הרב יעקב יוסף רוזנברג פון מודיעין עילית:** אין ספר פלא יועץ [אות זיווג] ווערט געברענגט אז די הכרזה איז נישט אייביג גלייך. עס איז דא באשטימטע הכרזות לרעה ולטובה וואס מען קען נישט טוישן אבער עס איז דא סארט הכרזות וואס רופן אויס אז עס וועט גיין לויט די השתדלות אדער זיינע תפילות און ביי אזוינע איז שייך דער חשש פון שמא יקדמנו.

**הרב אהרון שושיצקי פון בני ברק:** אין ספר עוללות אפרים [מאמר שע"ח] ווערט געברענגט אז עס איז דא אזא מציאות אז דער כרוז ווערט בטל און וועגן דעם דארף א מענטש מתפלל זיין פאר זיין זיווג.

**הרב מרדכי אליהו שאפער שליט"א:** אין ספר ראשית חכמה [שער הקדושה פרק טז] האט ער א שמועס איבער די שאלה. ער געבט צו פארשטיין אז א גוטע פרוי ווענדט זיך אין די מעשים פון א מענטש און אז א מענטש וויל זוכה זיין דערצו דארף ער ערשט זיין ראוי צו דעם און תשובה טון אויף זיינע מעשים. דארטן ברענגט ער אראפ א זוה"ק [פרשת ויחי דף רכט ע"א] וואס טייטשט דער פסוק אין משלי [משלי יט, יד] אשה משכלת מאת השם, אז א קלוגע און אן ערליכע פרוי איז פון השי"ת דהיינו אז עס ווענדט זיך אין די מעשים פון א מענטש. **און דער זעלבער געדאנק ברענגט אראפ הרב מתתיהו קייטי פון ירושלים** בשם דער יעב"ץ [סוטה ב] אז א זיווג שני ביי א מענטש קען געשען צומאל ווייל דער מענטש האט צופיל געזינדיגט און ער איז מער נישט ראוי צו לעבן מיט די פרוי ח"ו.

### שאלה פאר גליון 83

עס איז איינגעפירט ביים כלל ישראל אז מען דערציילט ניסים ונפלאות וואס מען געהאט. מען זאגט אפילו נאך דער פסוק 'שיחו בכל נפלאותיו' אלץ א רמז אז עס איז א גוטער זאך אז מען זאל זיך אזוי פירן. מצד שני איז ידוע פון צדיקים און ווי עס ווערט געברענגט אין רש"י [מלכים ב' ד, ד] אז א נס איז א באהאלטענער זאך. מיין שאלה איז: וועלכער סארט נס איז ראוי מפרסם צו זיין, און וועלכער איז גוט צו באהאלטן? י.ד. אשדוד

**איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:**

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 < 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג פרשת משפטים. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**

# א פרטיות'דיגע השפעה

### מצד די באקאנטע

איך צייל שוין עטליכע יאר וואס איך בין א שטענדיגער אויסהערער פון די האטליניע. אין לויף פון די יארן בין איך אריבער עטליכע שוועריגקייטן. איך האב געטוישט א דירה, א כולל, עס איז מיר געווען שווער, אבער איך האב זיך אלעמאל געשטארקט מיט'ן אויסהערן די האטליניע און אירע רייכע שיעורים. אויך מיין פרוי תחי' הערט עס אויס און אויך זי שטארקט זיך דערמיט. אסאך מאל וואונדערן מיר זיך ווי אזוי כלל ישראל וואלט אויסגעזען אָן די האטליניע און וויפיל אידן שטארקן זיך א דאנק דער האטליניע.

### מצד די געבער

מיר האבן געהאט א קינד וואס האט געדארפט אריבערגיין א שווערע אפעראציע. די אפעראציע איז געווען א שאלה פון חיים ומוות. מיר האבן צוגעזאגט אז אויב די אפעראציע וועט מצליח זיין וועלן מיר תורם זיין גליונות פאר פערציג שולן און ברוך השם אז בדרך נס איז געווען א ישועה.


נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט
און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק
צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים
רוף יעצט אריין: 02.6313.742

| העברה לבנק | משלוח בדואר | בעמדות נדרים |
|---|---|---|
| לאומי סניף 902<br>חשבון 57390056 | לת.ד. 5475<br>ירושלים | פלוס על שם<br>'שער הבטחון' |

ווילט איר אנטייל נעמען
אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט
קלינגט אריין אין אפיס
02-5866-075
מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00
אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס"ד

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל,
שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM
דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש


# א פינטעלע ליכטיגקייט
### אויסצויגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

## א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' בעריש שנעעבאלג שליט"א

## פרשה'ס פון אמונה

אין די וואכן לערנט כלל ישראל די פרשה'ס פון יציאת מצרים. מען לערנט וויאזוי משה רבינו קומט צו גיין צו פרעה און בעט אים בשליחות פון השי"ת ער זאל ארויסנעמען כלל ישראל פון מצרים אבער פרעה וויל נישט! ער שטעלט זיך אקעגן די בקשה! השי"ת שיקט אים א מכה. ער דערשרעקט זיך, ער ציט צוריק, אבער שפעטער האט ער חרטה און ער וויל נאכאמאל נישט, ביז עס קומט אָן די מכה פון בכורות און ער ברעכט זיך.

ווען מען איז זיך מתבונן איז שווער צו פארשטיין. לאמיר זיך פארשטעלן ווי מיר גייען אין וועג און אזוי גייענדיג ווערן מיר אפגעשטעלט פון א קליין קינד! ער לייגט זיך אויס אויף די לענג און אויף די ברייט אז מיר זאלן נישט קענען אריבערגיין.

וואס טוען מיר? מען כאפט אים אָן און מען הייבט אים אויף פון פלאץ און מען לעזט די געשעפט.

פארוואס איז נישט געשען די זעלבע זאך דא? אז מען קוקט אריין אין רש"י אויף די ווערטער את אשר התעללתי במצרים זעט מען דארט ווי רש"י שרייבט אויף די ווערטער התעללתי - שחקתי.

השי"ת האט געלאכט פון פרעה! דער נארישער פרעה האט זיך ארומגעדרייט מיט א געפיל אז ער זאגט יא, ער זאגט ניין, אבער ער איז געווען א טייל פון דעם שפיל, די מטרה איז געווען דער למען שיתי אותתי.

דער געדאנק לערנט אונז א יסוד פאר'ן לעבן. עס דרייט זיך א וועלט. פאר'ן מענטש דוכט זיך אז ער איז מחליט, אז מען פרעגט אים און ער דארף געבן א תשובה, דער אמת איז אז אלעס איז א שפיל! דער מחליט איז השי"ת.

ענליך צו דעם זאגט דער אור החיים הק' אויף די ווערטער למען שיתי אותתי אלה בקרבו. ער געבט צו פארשטיין אז די ניסים האט השי"ת געמאכט אין אזא וועג אז עס זאל אויסזען ווי אין די וועלט איז דא א כח אויסער אים ווען באמת איז נישט דא אזא זאך - דערפאר האט ער געגעבן פאר פרעה אזא געפיל אז ער קען זאגן זיין מיינונג און טאקע פון דעם איז ארויסגעקומען דער וידעתם כי אני השם - אז מען האט איינגעזען אז ניין! דו מיינסט אז דו האסט א מיינונג, דער אמת איז אז דו ביסט גארנישט מחליט.

דער געדאנק וועלן מיר מיטנעמען פון די פרשה! מיר וועלן ארויסגיין פון די פרשה'ס מיט דער געפיל אז מיר זענען גארנישט מחליט און אלעס פירט זיך פון אויבן.

**די שיעורים פון הרב שנעעבאלג ווערן ארויפגעלייגט א מאל אין צוויי וואכן אויף אידיש און א מאל אין צוויי וואכן אויף העברעאיש אין נומער 2 < 3** [נאכן אויסוועלן די שפראך]

**דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שטערן א איד דאווענען אדער אויסהערן קריאת התורה**